# די באָבע

אַמאָל —
אַ בוידעם-שטיבל,
אַ לעמפּל,
אַ תּחינה —
און די באָבע;
מיט באַקן, צעקנייטשטע.
די ליפּן — בלויע,
די באָבע, די אַלטע —
אַמאָל ...

און הײַנט —
די באָבעניו שײַנט
אַרויס פֿון פֿאַרלאָר
באַפּוצט און באַשמירט.
די באָבע – די יונגע
ווי שיין געצירט!
דאָך, אין איר מאַסקע,
די באָבע, די ליבע —
די באָבע, די זעלבע ...

די תּחינה — אין אַלמער —
אַלט און פֿאַרגעלט;
דאָס קול פֿון אַמאָל
אין שטוב בײַ מיר פֿעלט ...
נאָר אויגן — די זעלבע —
אויך זיי בעטן גאָט:
זיי בעטן פֿאַר קינדער
אויף יעטוועדער טראָט.